בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' אחרי | ח' ניסן | תשע"א | פסחים: ע"ז:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט האט דער רבי שליט"א זיך באטייליגט ביים מסיבה לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק אין שטוב פון הרה"ח מוה"ר מאיר הירש הי"ו ווי עס זענען געלאדענט געווארען קרואי מועד נגידים ותומכים און זיי האבן מנדב געווען דארט שיינע סכומים.

דער רבי שליט"א האט ביי די געלגנהייט משמיע געווען דברות קודש ווי ער האט זיך שטארק באדאנקט פאר הרה"ח ר' מאיר וועלכער האט זיך אין די לעצטערע וואכן אזוי שטארק אוועקגעגעבן בנפשו ומאודו צו העלפן שאפן געלט פאר די הייליגע מוסדות אין ארה"ק וועלכער שטייען אצינד אין אזא שווערע פינאנציעלער מצב, און דערביי האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו פאר ר' מאיר און לכל הנאספים.

הייגט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר שלום יצחק וויינבערגער הי"ו, הב' בן מוה"ר חיים יוסף שווארץ הי"ו, און הב' בן מוה"ר יוסף מרדכי רובין הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל יודא רובינפעלד הי"ו פון וויליאמסבורג.

בייגעלייגט איז דא די מודעות פון מכירת חמץ פון קהלתינו הק' וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל און ירושלים עיה"ק.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.